NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13255

# KINDER

Mordecai Spector

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ספעקטאר.

# קינדער.

(ערצעהלונג).

צווייט אויפלאגע



1914

№ 2

איבערדרוקען און איבערזעצען
אָהן דער ערלויבעניס פון
פערלאג איז פ ע ר ב אָ ט ע ן
(געזעץ פון 20-סטען מערץ 1911)

Типографія Б. А. Клецкина, Вильна.





* * *

מָרְדְכַי ספעקטאָר איז געבוירען געוואָרען אין אומאַן (קיעווער גוב.) אין יאָהר 1858.

ער שטאַמט פון א בעריהמטער גאונ׳ישער גאַליציאַנער מִשְׁפָּחָה, וועלכע האָט זיך מיט פיעל יאָהרען צוריק איבער־געצויגען קיין אוקריינע.

זיין זיידע האָט אָנגעשריבען פיעל תּוֹרָה־סְפָרִים. זיין פאָטער איז געוועזען א רייכער איד, א חָסִיד. זיין קליינעם זוהן מָרדכי האָט ער געשיקט אין חֶדֶר אריין. קיינע גוטע מְלַמְדִים זענען אין אומאַן צו יענער צייט ניט געוועזען. ערשט אויפ׳ן פערצעהנטען יאָהר איז מ. ספעקטאָר אָנגעקומען אין א חדר צו א גוטען רבי׳ן פון דער ליטא. דער דאָזיגער מְלַמֵד האָט איהם געגעבען די נויטיגע אידישע בילדונג.

מ. ספעקטאָר איז געוואָרען א גרויסער מתמיד. מיט דער גאַנצער דורשט פון זיין יונגער נְשָׁמָה האָט ער זיך געוואָרפען אויף יעדען סֵפֶר, וועלכער איז איהם נור געקומען צו דער האַנד. צו יענער צייט האָט דעם יונגען ספעקטאָר אָנגעהויבען ציהען צום שרייבען.

נאָך צו 17 יאָהר האָבען די עלטערען געמאַכט מ. ספעק־טאָר פאַר א סוחר. ער האָט שוין אָבער ניט געקענט ארויסלאָזען די פעדער פון דער האַנד, געשריבען אַלערליי ערצעהלונגען און אויך דעמאָלסט האָט ער אָנגעהויבען צו שרייבען זיין גרויס ווערק „דער אידישער מוזשיק“. נאָר אלעס, וואָס ער האָט צו יענער צייט געשריבען, האָט ער בעהאַלטען און קיינעם ניט געוויזען. ערשט אין 1883 יאָהר האָט זיך אָבגעדרוקט איינע פון זיינע ערצעהלונגען.

מ. ספעקטאָר איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנ־געהויבען שרייבען ערצעהלונגען פאַר אידישע קינדער.





# קינדער.

.I

דאָס האָט זיך געטראָפען נאָך דעמאָלט ווען נאָטקע איז אַלט געוועזען צעהן יאָהר און זיין חבר לייביטשקע — צוועלף יאָהר.

נאָטקע מיט לייביטשקען זענען געוועזען צוויי חברים, טאַקע ווי אֶמֶת'ע חֲבֵרים דאַרפען זיין: אינאיינעם זענען זיי געגאַנגען אין חֶדר און פון חֶדר. אינאיינעם זענען זיי געגאַנגען אין קלויז דאַווענען און פון דער קלויז, און האָטש יעדער האָט געהאַט זיין אייגען סידור'ל, דאָך פלעגען זיי דאַווענען אינאיינעם, ווייל פין איין סידור'ל איז עפּיס געווען געשמאַקער צו דאַווענען...

די פריינדשאַפט פון די צוויי יונגלעך איז בעקאַנט געוועזען אין דער גאַנצער שטאָדט; אֲפילו שמעריל, דער אַלטער וואַסער-טרעגער, האָט עס אויך בעמערקט.

שמעריל פלעגט דעם גאַנצען טאָג טראָגען וואַסער אויף זיינע אַלטע פּלייצעס. די גראָשענס, וואָס ער פלעגט

מערדיענען, פלענט ער אָבטראָגנען אהיים, און דערנאָך אַוועקנעהן אין קלויז, ויך אַוועקזעצען אונטער דער הרובע, און דאָרט טריכענען זיינע נאַסע קליידער, וואַרעמען זיינע אַלטע ביינער און אמאָל אויך אריינקוקען אין מִשְׁנָיוֹת, וואָס איז געלעגען פאַר איהם אָפען אויף דעם צוּבראָכענעם שטענדער, וועלכען מען האָט ניט לאַנג נעגעבען אַ „פּאָלנע אָטסטאַווקע" פון דער מִזְרָח-וואַנד.

דער אַלטער וואַסער-טרעגער האָט אָבער פון דעם „אָטסטאַוונאָי" שטענדער אַ סך נוצען געהאַט: אמאָל האָט ער איהם טאַקע געדיענט פאַר אַ שטענדער, אמאָל פאַר אַ קישען צוקאָפּענס, און אַמאָל האָט ער מיט איהם אויך געשלאָגען די וויַסע חֶבְרה, וואָס פלענען איהם אָפטמאָל שטערען אין זיין מִשְׁנָיוֹת-לערנען.

II.

איינמאָל, פּורים אין דער פריה, ווען מען האָט נור וואָס אָבגעדאַווענט, און נאָטקע מיט לייביטשקען האָבען שוין געוואָלט געהן אהיים, האָט זיי פּלוּצלונג אַ רוף געטהון דער אלטער שמעריל. די חֲבֵרים האָט עס אֲפִילוּ זעהר געוואונדערט, וויַל א גאַנץ יאָהר רופט ויי שמעריל

נור „ווײַסע־חֶבְרה" און רעדט מיט זיי קײַן וואָרט נישט. פון דעסטוועגן ווענען זיי צוגעגאנגען.

שמעריל האָט זיי ביידען א גלעט געטהון איבער די בעקלעך, געשווינגען אַ ווײַלע און געקוקט אויף זיי מיט זעהר א פרײַנדליך פָּנִים. די קינדער האָבען בעמערקט אויף זײַן אַלט־צוקנײַטשטען פָּנִים, אַז ער שעהמט זיך עפּיס. נאָר פּלוצים האָט שמעריל אָנגעהויבען צו רעדע מיט אַ ציטערינ קול:

— קינדערלעך...איך האָב אײַך עפּיס צו בעטען... איהר ווייסט, הײַנט איז פּוּרים... באַלד קומט פֶּסַח... און מײַן אייניקעל האָט אֲפִילוּ קיין פָּאר שיך נישט... זי זיצט שוין פון דרײַ חָדָשִׁים אין שטוב און קען נישט אַרויסגעהן אויף דער גאס... איך האָב נישט, פאר וואָס צו קויפען... איך ווייס אֲפִילוּ נישט, צי וועל איך האָבען הײַנט בײַ מיר אין שטוב אַ סְעוּדָה... מײַן גאַנצע האָפנוּנג איז געווען אויף פּוּרים... נעהמט זיך, קינדערלעך, ביידע דורך איבער'ן שטאָדט און מאַכט מיר עטליכע גראָשען... כ'לעבען, איך וואָלט אליין געגאנגען... נאָר איין נאָך ווייסט, אַז איך קען נית... איך זאָל קײַנען, וואָלט איך אויף דער עלטער קײַן וואסער־טרעגער נישט געוועזען... איך זאָל קענען בעטען, וואָלט איך אויף מײַנע אַלטע

פליצעם קיין שווערע עמער וואסער נים געטראָגען...

די חברים האָבען זיך פון שמערילים רעד אזוי פערשעהמט, אז זיי זענען אָהן ווערטער ארויסגעלאָפען פון דער קלויז. נאָר באלד, ווי זיי זענען ארוים אויף דער גאס, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט.

— וואָס ביזט דו אנטלאָפען? — האָט לייביטשקע געפרעגט.

— ווייל דו ביזט אנטלאָפען, בין איך אויך אנטלאָפען, — האָט נאָטקע געענטפערט.

— לאָמיר זיך אומקעהרען און איהם געבען צו צוויי גראָשען.

—

— דו נאר, וואָס וועט ער מאכען מיט פיער גראָשען?

— נו, לאָמיר איהם אוועקגעבען, וויפיעל מיר האָבען...

זיי האָבען איבערגעצעהלט זייער פערמעגען: אין גאנצען האָבען זיי ביידע צוזאמען געהאט צוועלף גראָשען.

— אלע איינס ווי נאָר נישט, — האָט לייביטשקע געזאָגט.

— טאקע ווי גאָרנישט — האָט נאָטקע געענטפערט — וואָרום פאר מיינע שיך, וואָס זיי זענען קליינע, האָט מיין מאמע בעצאָהלט אפשר דריי רובל...

— וואָס־זשע זאָלען מיר טהון?

— וועלען מיר אַרומגעהן צוזאַמענמאַכען געלד, ווי די גרויסע בָּחוּרִים אִים פּוּרִים.

— וועלען מיר דען קענען? זיי זענען דאָך גרויסע און מיר... איך שעהם זיך...

— נישקָשֶׁה, וואָס האָבען מיר זיך צו שעהמען? איך וועל נאָר פרעגען דער מאַמען, אויב זי וועט הייסען.

זיי האָבען ביידע אָבגערעדט, אַז באַלד נאָכ'ן איבערבייסען זאָל לייביטשקע קומען צו נאָטקען און זיי וועלען זיך איינער דעם אנדערען איבערגעבען, וואָס זייערע מאַמעס האָבען געזאָגט.

---

.III

דער אַלטער שמעריל האָט שוין נישט געהאַט קיין קינדער, פאַר וועמען ער זאָל דאַרפען זאָרגען. האָט איהם אָבער גאָט געשטראָפט: זיין איינציגע טאָכטער, וועלכע ער האָט שוין לאַנג חֲתוּנָה געמאַכט מיט אַ בַּעַל־עֲגָלָה און האָט געהאַט אויך קינדער, איז פּלוצים געבליבען אַן אַלְמָנָה און די קינדערלעך — יְתוֹמִים. די פערד מיט'ן וואָגען האָט מען באַלד פערקויפט אויף צו בעצאָהלען די חובות און די עטליכע גילדען, וואָס זענען געבליבען,

האָט די אַלְמָנָה אויפגעגעסען, און דערנאָך האָט זי געמוזט אַנקומען מיט איהרע קינדער צום אַלטען טאַטען.

ר' שמעריל האָט זיין טאָכטער מיט די אייניקלעך פון דער שטוב ניט ארויסגעטריבען, און האָט אָנגעהויבען האָרעווען פון פיערטווענען, ווי אין די יונגע יאָהרען, נאָר פון זיין גאנצער האָרעוואניע האָבען זיי קוים געהאַט אַ שטיקעל טרוקען ברויט. פון ז'עסטזיענען האָט זיך דער אַלטער שמעריל געפיהלט גליקליך, ווייל ווען ער פלעגט קומען אהיים, פלעגען איהם זיינע אייניקלעך אַקעגען לויפען, ארומשטעלען זיך אַרום איהם, גלעטען און קושען איהם, רופען איהם „זיידעניו". איבערהויפט פלעגט ער זיך פיהלען גליקליך, ווען עס פלעגט איהם פון זיין פערדיענסט איבערבלייבען אַ פּאָר גראָשען צו קויפען פאַר די אייניקלעך א ביסעל קליינע בייגעלעך. ווייל די בייגעלעך פלעגען פערשאפען די קינדער גרויס פערגעניגען.

דאָס לעצטע מאָל אָבער, ווען דער זיידע האָט געבראַכט בייגעלעך, איז דאָס עלטערע אייניקעל געבליבען שטעהן פון דערווייטענס און האָט נישט געוואָלט נעהמען.

דער זיידע האָט געזאָגט:

— פאַר וואָס נעהמסט דו נישט קיין בייגעלעך לאַה׳טשקע?

— איך וויל נישט קיין בייגעלעך, ווידעניו. איך וויל, דו זאָלסט מיר קויפען אַ פּאָר שיך! איך וויל אויך אַרומ־געהן אין גאַס זעהן, ווי די מענשען געהען און פאָהרען, איך וויל אויך געהן, ווי זיי...

— איצט, מיין קינד, האָב איך קיין געלד ניט. אם־ירצה־השם אויף פּורים, אַז איך וועל לעבען און געזונד זיין, וועל איך דיר קויפען אַ פּאָר שיכלעך — האָט דער זיידע צוגעזאָגט.

---

IV.

— פאַר וואָס נישט, מיין קינד? — האָט נאָטקעס מוטער געזאָגט, ווען ער האָט זי געפרעגט, אויב מען מעג מיט לייביטשקען אַרומגעהן צו מאַכען אַ נדבה פון אַנ־אָרימאַנ׳ס ווענען; — אַז דו וועסט איצטער אַרומגעהן פון יענעמס ווענען, וועט דיר גאָט העלפען, אַז אַנדערע וועלען פערשפּאָרען אַרומגעהן פון דיינעטוועגען.

באַלד נאָך דעם איבערבייסען איז לייביטשקע גע־קומען צו לויפען צו נאָטקען אָנזאָגען איהם די שמחה, אַז זיין מאַמע האָט איהם אויך געהייסען, אַ סימן — ער געהט

שוין אין דער שַבָּת׳דינער קאָפּאָטע מ׳ט דעם היטעל און די מאַמע האָט איהם אַליין געגעבען צעהן גראָשע א נְדָבָה.

נאָטקע׳ס מאַמע האָט אָבגעטריי׳סעלט די קאָפּאָטע פון איהר וווהנדעל, האָט איהם אָנגעטהון גלייך דאָס היטעל, פערגלייכט די פֵּאוֹת, מיטגעגעבען אַ קאָלירטען טיכעל אויף צוזוי׳פצוי׳נעהמען נְדָבוֹת, געלערענט, ווי אַזוי ער זאָלען געהן פּאַוואָליע, סטאַטעטשנע און אָנגעזאָגט, ווי זאָלען זיין אויך ביים פעטער זַלְמָן, ביי דער מוהמע ניטעל, ביי אַלע גְבִירִים און ביי די שעהנסטע בַּעֲלֵי־בָתִּים.

נאָטקע׳ס מוטער האָט אויך געגעבען אַ נְדָבָה צעהן גראָשען, און ביידע חֲבֵרִים זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס.

אין דרויסען איז טאַקע געווען פּוּרִים׳דיג: די זון האָט געשיינט און געשמעלצט דעם שניי, טאַקע ווי אין חוֹדֶש אֲדָר. פון די דעכער האָט געקאַפּעט. אויף דעם ווייסען שניי האָט מען געזעהן אַ סַך געלע פלעקען. אַלערליי מענשען זענען געלאָפען איבער די גאַסען. דיענסטען און מְשָׁרְתִים האָבען געטראָגען שַׁלַח־מָנוֹת.

— וואוּהין זאָלען מיר פריהער אַריינגעהן? — האָט געפרעגט נאָטקע.

— איך ווייס? לאָמיר אַריינגעהן צו ר' שלמה דעם גביר.

זיי האָבען זיך אָנגעהויבען שפּאַרען, ווער פון זיי זאָל פריהער אַריינגעהן, ביז זיי האָבען בעשלאָסען, — אַז גלייכער איז פריהער צו געהן צום פעטער.

ביים פעטער האָט מען זיי אָבער נור צוגענומען פאַר געסט, מכבד געווען מיט פורים־גרעטס, לעקעכלעך מיט פלאָדען, און עס איז נאָר דעם פעטער ניט איינגעפאַלען, אַז די קינדער געהען נאָך אַ נדבה. דאָס איינענע איז געווען ביי דער מוהמע און ביי דער בעקאַנטער שכנה געלע. זיי האָבען זיך געשעהמט צו זאָגען, נאָך וואָס זיי זענען געקומען, און אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען גאַנצע צוויי שעה, און זיי האָבען נאָך נאָרנישט „געמאַכט“...

ענדליך האָבען זיי זיך געלאָזט געהן צום גביר ר' שלמה, פערסאָפּעט און פערשוויצט, זענען זיי קוים אַריינגעקומען אין שטוב.

ר' שלמה דער גביר האָט זיך אַרומגעדרעהט אין חאַלאַט יום־טוב'דיג, נאָטקען מיט לייביטשקען האָט ער געקענט פאַר „ווייסע־חברה“, ווייל ער האָט זיי אָפט געזעהן אין קלויז און ווי ער האָט זיי נור דערזעהן, האָט ער זיי מיט אַ געלעכטער'ל אָנגעהויבען ציהען ביי די אויערען.

— נו, ווײַסע־חֶבְרָה, איהר נעהמ שוין אויך אַרום. אַנדאי אויף קאָנפעקטען זיך קויפען?

די קינדער האָבּען קוים אַרויסגעריסען ווײַערע אויערען פון ר׳ שלמה׳ס גראָבּע פינגער און זענען אָהן אָטעם אַרויסגעלאָפען פון זײַן שטוב.

זײַ האָבּען אליין נישט געוואוסט, ווי אַזוי זײַ זענען אַרײַנגעפאַלען אין אַ שטוב פון אַ צווייטען גְבִיר. דאָרט האָבּען זײַ מיט ציטערניש קוים אַרויסגערעדט, נאָך וואָס זײַ זענען געקומען.

— חאַ, חאַ,—האָט זיך צולאַכט דעם גְבִיר׳ס אײַדעם,— נאַט אײַך נײַע פריש־געבּאַקענע שערהנע אידען—זײַ ווילען שוין אויך געלד! נײַע נְבָאִים און גַּעהען שוין אויך נאָך נְדָבות, חאַ, האַ!...

נאָטקע און לײַבּיטשקע האָבּען פאַר בושה נישט געוואוסט ווי אַזוי די טהיר צו עפענען, ווי אַזוי צו אַנטלויפען, דעם גְבִיר׳ס ווײַב האָט זײַ אָפּילו נאָכגעשריען:

— קומט צוריק, וועט מען אײַך געבען אויף עפּעלעך!

זײַ זענען שוין אָבער געוועזען ווײַט.

אַרײַנגעקומען צו אַ דריטען גְבִיר.

— וואָס ווילט איהר, וויַסע חֲבֵרָה? האָט דער גְבִיר פרַעהליך נעפרעגט.

די חֲבֵרים האָבען אָנגעוויזען אויף זייַער קאַלירטען טיכעל, וואָס איינער פון זיי האָט געהאַלטען אין האַנד.

— וואָס? איהר ווילט שוין אויך געלד? אַך שְׁקָצִים! פרַעגנט מיר דעם קאַנטשיק וועל איך זיי אָבשמײַסען! — און ער האָט זיי בײַדע געשלעפּט צום בַּענקעל.

דעם גביר'ס ווייב מיט די קינדער, וועלכע האָבען בעת-מַעֲשֶׂה זעהר געלאַכט, האָבען געבעטען דעם גְבִיר ער זאָל זיי אָבלאָזען.

קוים לעבעדיגע זענען בײַדע חֲבֵרים אַרויסגעלאָפען אויף דער גאַס.

---

.V

אויף דער גאַס האָבען די חֲבֵרִים אָנגעהויבען וויי-נען, נאָר באַלד האָבען זיי זיך פערשעהמט און האָבען אַ פּאָר מינוט שטום געקוקט איינער אויף דעם אַנדערען.

— הערסט דו, לייביטשקע, וואָס איך וועל דיר זאָגען?

— וואָס?

— איך וויל דיר זאָגען, אַז ווען מיר זאָלען האָבען

געלד, וואָלטען מיר געקויפט אַ פּאָר שיך בײַ חײַטשע דער שוסטערקע, וואָס זיצט דאָ אויפ'ן מאַרק, ועה נאָר, וויפיעל פּאָר שיך עס ליעגען אַרום איהר.

זײַ זענען צוגעגאַנגען נעהנטער צו חײַטשע'ס "שטעל" און ניט אַראָבגעלאָזט פון איהר די אויגען.

— וואָס שטעהט איהר, קינדערלעך? — האָט זײַ געפרעגט חײַטשע, וועלכע האָט זיי גוט געקענט.

חײַטשע האָט מיט איהר פרעגען זײַ פּשוט אַרײַנגעזעצט אַ נײַע נְשָׁמה. זיי זענען צוגעגאַנגען צו איהר נאָך נעהנטער און האָבען איהר דערצעהלט די גאַנצע מעשה, וואָס מיט זײַ האָט הײַנט פּאַסירט.

— ווייסט איהר וואָס, קינדער? קויפט בײַ מיר אַ פּאָר שיך...

— מיר האָבען אָבער נישט קײַן געלד.

— נישקשה, איך קען אײַך, איהר וועט מיר אויסצאָהלען, איהר זענט עהרליכע קינדער... אַי, איהר וועט מיר אָבגעבען? איך בין דאָך אַליין ניט קײַן רײַכע אידענע...

די חברים האָבען זיך געשוואָרען "ווי זײַ זענען אידען", אַז זײַ וועלען איהר אָבגעבען. נאָר עס וועט געדויי-

ערען, ווייל די מאַמעס גיעבען ויי נור צו צווייַ גראָשען אַ טאָג צום איבערבייַסען אין חדר.

— ניין—האָט חייטשע געזאָגט—פון די גראָשען טאָרט איהר נישט אָבצאָהלען. איך וועל אייך געבען אַ פּאָר גוטע שיך פאַר אַכט גילדען, און איהר גיעהט נאָך אַבּי־סעל אַרום: וויפיעל איהר וועט מאַכען, וועט איהר מיר אָבּבּרענגען און דאָס איבעריגע וועט איהר ביסלעכ־ווייז אָבצאָהלען.

— וואו־זשע זאָלען מיר נאָך גיעהן? מיר זענען שוין געוועזען כּמעט בּייַ אַלע גבירים, מיר ווילען שוין מעהר נישט גיעהן, מיר וועלען בעסער בעצאָהלען פון די איבער־בּייַסענס.

— זענט איהר דען שוין אויסגעוועזען אין אַלע הייַזער?

— נייַן.

— נו, גיעהט־זשע גיכער, קינדערלעך, פּעהלט־אויס די גביר'ישע הייַזער, געהט נור, וואו איהר וועט זעהן אַ אידישע שטוּב, די שטוּב מעג אויסווייַזען אָרעם, מאכט נישט אויס, אַ אידיש הויז לאָזט קיין מענשען נישט אַרויס אָהן אַ נדבה... האָט קיין מורא נישט,—האָט חייטשע זיי געשטאַרקט,—מען וועט

פון אײַך אין אזעלכע הײַזער נישט חוזק מאכען. נאָר די גבירים, וועלכע עס איז זעהר גוט אויפ'ן הארצען און ווילען זײַן פרעהליך אים פורים, מאכען חוזק; זיי מיינען, אז די גאנצע וועלט איז זייער שפּיעלעכען...

חײַמשע האָט אויסגעקליבען אַ גוטע פּאָר שיך' נאטירליך, אָהן א מאָס, אײַנגעוויקעלט ווי אין אַ פּאַפּיער און געגעבען די קינדער.

די חֲבֵרים זענען מיט די שיך אונטער'ן אָרעם גליקליכע אַוועקגעגאַנגען.

די יונגע חֲבֵרים האָבען זיך איבערצײַיגט, אַז חײַמשע האָט רעכט געהאט, וואָס זי האָט זיי גע־ראטען צו אויספעהלען די גבירישע הײַזער. די חֲבֵרים זענען געגאַנגען צו פְּשוּט'ע בַּעֲלֵי־בָּתִּים. וואו זיי זענען נאָר געקומען, האָט מען זיי פריינדליך אויפ־געטומען און געגעבען אַ נְדָבָה, חוץ פּוּרים־גרעט פאַר זיי.

דעם גאַנצען טאָג איז נאָטקע מיט לייביטשק'ען דורכגעגאַנגען און ערשט אויף דער נאַכט זענען זיי מיט גרויס פרייד געלאָפען צו חײַמש'ען און האָבען איהר געבראַכט אַכט גילדען און זיי איז נאָך איבער־געבליבען קלײַנגעלד. איצט לויפען זיי צום אַלטען וואַסערטרעגער.

.VI

עס האָט שוין אָנגעהויבען נאַכט צו ווערען. די זון איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, אין אַלע פענס־טער, וואו אידען וואָהנען, איז ליכטיג, ווי אין אַ גרויד סען יום־טוב. אומעטום איז מען שוין פרעהליך געזעסען ביי דער סעודה. פון די טישען האָבען אַראָבגעשיינט די שעהנע הויכע פורים־קוילישען, פיש און אַנדערע מאַכלים. קינדער האָבען פולע קעשענעס מיט פורים־גרעט, המן־טאַשען, צוקערדיגע פערדלעך, פויגעלעך, פודעלעך און קאָנפעקטען, אַרומגעוויקעלטע מיט גאָלדענע פאַפּירליך. אין די הענדטלעך האַלטען זיי פּלאָדען, לעקעך און זאַפראַנקוכען מיט גרויסע ראָזשינקעס. די טהיר מאַכט זיך כמעט ניט צו: איינער אַריין, דער צווייטער אַרויס מיט „שלח־מנות“ פון קרובים און פון גוטע פריינד.

אַלע פרעהען זיך מיט דעם יום־טוב, און מעה־רער פון אַלעמען פרעהען זיך די קינדער.

נאָר ווייט אונטער דער שטאָדט, נעבען באַרג געפינט זיך אַ נידעריג שטיבעל. דאָ וואָהנט אויך אַ איד: ר' שמעריל דער אַלטער וואַסערטרעגער. דאָרט זענען אויך דאָ קינדער, וואָס זייער זיידע האָט

זײַ ליעב נישט װײניציגער, װי אַנדערע עלטערען האָבען ליעב זײַערע קינדער. נאָר װאָס זעהט מען דאָ אין דעם פרעהליכען אָבענד ?... עס צאַנקט אַ גראָשענדיג ליכטעל אויפ'ן טיש, נישטאָ קײַן פורימדיגער געלער קױליטש, מען זעהט נור איין אַלטגעבאַקענע בולקע, װאָס מען האָט אומיסטנע בעהאַלטען פון שבת. בײַם טיש זיצט דער אַלטער שמעריל, דער װאַסערטרע־גער, זעהר טרױעריג. איהם אַהרט נישט דאָס טונקעלע ליכט מיט דער אַלטגעבאַקענע בולקע. ער איז שױן דערצו געװאָהנט. ער װאָלט אין זײַן ניעדריג שטיבעל אויך געהאַט אַ פרעהליכען יום־טוב, װען נור זײַנע ליעבע אײַניקלעך זאָלען זײַן פרעהליך. װי אַזױ זיצען זײַ אָבער בײַם טיש ? — אײַן קינד שלאָפט זיצענדיג, דאָס אַנדערע דרעמעלט אַזױ. אײַן קינד זיפצט און דאָס עלטערע אײַניקעל לאַה'משקע איז נאָך מעהר טרױעריג : זי האָט פערלאָרען איהר גאַנצע האָפענונג — נישטאָ קײַן שיך !... זי װעט שױן אַזױ גיך נישט געהן אויף דער גאַס... אָפשר זומער באָרװיס, נאָר צו זומער איז נאָך זעהר װײַט... זומער װיעדער איז אויך נישט גוט צו געהן אָהן שיך, עס שטעכט די פיס...

פלוצים האָט זיך געעפענט די טהיר און עס

װענען אריינגעלאָפֿען נאָטקע מיט לייבימשקען. זיי האָבען ניך אַנידערגעשטעלט אויפ'ן טיש אַ פּאָר נייע שיכלעך און פון דעם קאַלירטען טיכעל האָבען זיי אויסגעשיט אַ פּאַפּירען קערבעל מיט עטליכע מַטְבֵּעוֹת־מינץ, וואָס איז געבליבען פון די נְדָבוֹת און אויך עטליכע שטיק פלאָדען און צוקער־שפּיעלעכלעך.

די צוויי יונגע חֲבֵרים מיט פערפלאָמטע בעקלעך, פערשעהמט. נאָר פול מיט פרייד און קוים האַפּענדיג דעם אָטעם, האָבען געזאָגט צום אַלטען שמערל'ען:

— דאָס האָט חיישע די שוסטערקע און אונזערע מאַמעס געשיקט פאַר אייערע קינדער „שַׁלַח־מָנוֹת".

אַלע קינדערלעך זענען אויפגעשפּרונגען, ווי מע האַפּט זיך אויף פון אַ שלעכטען חָלוֹם אין אַ שעהנעם פריה־מאָרגען, און האָבען מיט זייערע אונשולדיגע גרויסע אויגען געקוקט אויפ'ן טיש, אויף די יונגלעך, אויף דעם ויידען און יעדעם קינד האָט עפּיס גענומען פון טיש און איז געלאָפען צום ויידען מיט גרויס פרייד און יעדעם קינד האָט אויסגערופען:

— ויידעניו! זעה נור, היינט איז פּוּרים!...

— זעה נור, טייערער ויידעניו, היינט איז טאַקי פּוּרים! — איז לאַה'טשקע צוגעשפּרונגען צו שמערל ען

מיט די שיך און האט אים שטארק ארומגענומען.

מיט טרערן אין די אויגן האט דער ווירט געקושט די אייניקלעך, דערנאך האט ער ארומגענומען זאמען מיט ליבשאפט און איך ווייס קיינער האבן פון די שטעטעלע אלע אויגן ארויסגעקוקט טרערן...

האטש דאס געשעפט לעבעל האט איך איבער נישט געבראכט ליבשאפט, נאר ביים אלטן וואסערטרעגער און שטיל און פלוצים געווארן אזוי ליכטיג און פרעהליך, ווי אין די חתונה, וואו עס האבן געבראכט אפך ליבע מיט לאכן.

איך מאכטע — שלמה'רים האבן קינדער געוויינט ווען איך דער נאס אמייטעלע מיט שפאנע-נגע שטיבעל.

דאס איז געווען לאזשיקען, שטעטל דעם וואסערטרעגערס אייניקל. און האבן די שיך וועגן געשיקט צו גרוס איר דאזשיקעס פרעהליך, פון דעסטר וועגן האט זיך מיט די ערד געפרייט, ווייל דאס איז געווען פון איהר אייגענע ... נאר שיך.